# לב שומע

תמצית שיעורים אויף די פרשה

פון הרה"ג רבי **שמעיה לעוו** שליט"א

דומ"ץ דקהל יטב לב ד'סאטמאר

אידיש

## פרשת תרומה

לעילוי נשמת

הרה"ח מקים עולה של תורה

ר' ישעי' זאב בן הרה"ח ישראל ישכר זלה"ה

ראש הקהל דקהל יטב לב סאטמאר - לאנדאן

ניתן לשמוע השיעורים ב'קול הלשון'
020 81917000
[ex3,1.11.1]

'שגיאות מי יבין' - אי אפשר לבר בלא תבן
בבקשה, המוצא שגיאה כלשהוא יואיל להודיע
למו"ל למען יתוקן אי"ה

להערות והארות ולקבלת הגליון יש לשלוח לאימעל
levshomeya@gmail.com

סדר ועימוד: א. י. גרינוואלד
054-8494370

# תוכן הענינים

## -א-

## מִצְוָה לְשֵׁם שָׁמַיִם

בּוֹיעֶן דִי מִשְׁכָּן דַוְקָא "לִשְׁמָהּ" ........ ה
צְדָקָה פַאר'ן אֵייגֶענֶע כָּבוֹד ........ ו
פוּן אַ צַדִיק פָאדֶערְט מֶען 'בִּלְתִּי לַה' לְבַדוֹ' ........ ז
פַארְוָואס אִיז צְדָקָה פַאר כָּבוֹד עֶרְגֶער וִוי צְדָקָה אַלְס סגוּלָה ........ ט
דִי כֹּחַ פוּן אֶמֶת'ע צְדָקָה ........ ט

## -ב-

## בּוֹיעֶן אִידִישְׁקֵייט - יֶעדֶער אֵיינֶער

אַ חֵלֶק אִין דִי בֵּית הַמִּקְדָּשׁ ........ יא
דִי חֲשִׁיבוּת פוּן שְׁטִיצְן תּוֹרָה לֶערְנֶערס ........ יד
בְּטַבְּעֹת הָאָרֹן יִהְיוּ הַבַּדִּים לֹא יָסֻרוּ מִמֶּנּוּ (כה טו) ........ יד
וִויאַזוֹי גֵייט אַן עַם הָאָרֶץ זוֹכֶה זַיין צוּ תְּחִיַּת הַמֵּתִים ........ טו
וְתוֹמְכֶיהָ מְאֻשָּׁר ........ טז
לעתיד לבא גייען די מחזיקי תורה פארשטיין ריכטיג לערנען ........ טז

# פָּרָשַׁת תְּרוּמָה

-א-

## מִצְוָה לְשֵׁם שָׁמַיִם

☆ בּוֹיעֶן דִי מִשְׁכָּן דַוְקָא "לִשְׁמָהּ" ☆ צְדָקָה פַארְ'ן אֵייגֶענֶע כָּבוֹד ☆ פוּן אַ צַדִּיק פְּאדֶערְט מֶען 'בִּלְתִּי לַה' לְבַדּוֹ' ☆ פַארוָואס אִיז צְדָקָה פַאר כָּבוֹד עֶרגֶער ווִי צְדָקָה אַלְס סגוּלָה ☆ דִי כֹּחַ פוּן אֶמֶתְ'ע צְדָקָה

**בּוֹיעֶן דִי מִשְׁכָּן דַוְקָא "לִשְׁמָהּ"**

**עֶס** שְׁטֵייט אִין סֵפֶר בַּעַל שֵׁם טוֹב [דִי עֶרְשְׁטֶע שְׁטִיקְל דִי וָואךְ, מְקוֹרוֹ בְּסֵפֶר תְּשׁוּאוֹת חֵן] אַז דִי מִצְוָה פוּן צְדָקָה אִיז חָשׁוּב אִין הִימְל, אֲפִילוּ אוֹיב עֶס אִיז נִישְׁט לִשְׁמָהּ, [אַנְדֶערְשׁ ווִי אַנְדֶערֶע מִצְוֹת] ווייל לְמַעֲשֶׂה הָאט דֶער אָרִימַאן הֲנָאָה.

**דִי** ווֶעלְט פְרֶעגְט אוֹיף דֶעם, פוּן דִי ווֶערְטֶער פוּן רש"י אוֹיף דִי ווֶערְטֶער **"וְיִקְחוּ לִי תְּרוּמָה"** זָאגְט רש"י: **לִי** דָאס מֵיינְט 'לִשְׁמִי', אַז דִי אִידְן זָאלְן בְּרֶענְגֶען דִי תְּרוּמָה פַארְן מִשְׁכָּן 'לִשְׁמָהּ', דָאס הֵייסְט - אַז זֵיי זָאלְן אִינְזִינֶען הָאבְּן אַז זֵיי טוּהְן דָאס כְּדֵי צוּ מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַאר הַשי"ת, אוּן כְּדֵי צוּ מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה פוּן בּוֹיעֶן אַ מִשְׁכָּן, לִכְאוֹרָה אִיז מַשְׁמַע פוּן דֶעם אַז צְדָקָה אִיז אוֹיךְ אַן עִנְיָן צוּ זַיין 'לִשְׁמָהּ' דַיְקָא.

**נָאר** דֶער פְּשַׁט דֶערפוּן קֶען זַיין, אַז בַּיים בּוֹיעֶן אַ מִשְׁכָּן אוּן אַ בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז דָא אַן עֶקְסְטֶערֶע הַקְפָּדָה אַז עֶס זָאל זַיין לִשְׁמָהּ, דְּהַיְינוּ, בַּיי צְדָקָה פַאר אָרִימֶעלַייט, אִיז לִכְאוֹרָה דִי עִיקָר כַּוָּנָה פוּן דִי מִצְוָה אַז דֶער אָרִימַאן זָאל הָאבְּן וָואס עֶס פֶעלְט אִים, אוּן אַז מֶען גֶעבְּט אִים גֶעלְט אִיז לְמַעֲשֶׂה דִי עִיקָר מִצְוָה גֶעטוּעֶן גֶעוָוארְן, כָאטְשׁ וָואס עֶר הָאט אִינְזִינֶען אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל אִים הֶעלְפְן אִין זַיין צָרָה.

**אָבֶּער בַּיי דִי בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז דִי עִיקָר פוּן דִי מִצְוָה צוּ בּוֹיעֶן אַ הוֹיז 'לְכָבוֹד' דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אוֹיב אֵיינֶער בּוֹיעֶט אַ הוֹיז פַאר זַיין אֵייגֶענֶע כָּבוֹד – הָאט עֶר בִּכְלָל נִישְׁט מְקַיֵּים גֶעוועֶן דִי מִצְוָה פוּן בּוֹיעֶן אַ בֵּית הַמִּקְדָּשׁ 'לְכָבוֹד' הַשי"ת,** אוּן ווֶעגְן דֶעם אִיז דִי תּוֹרָה עֶקְסְטֶער מַקְפִּיד בַּיים

בּוֹיעֶן דִי מִשְׁכָּן אַז עֶס זָאל זַיין לִשְׁמָהּ – **"וְיִקְחוּ 'לִי' תְּרוּמָה" – לִי לִשְׁמִי.**

### צְדָקָה פַארְ'ן אֵייגֶענֶע כָּבוֹד

**דִי** גְמָרָא זָאגְט אִין מַסֶּכֶת כְּתוּבּוֹת (סו:) אַז רַבִּי יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי אִיז אַמָאל אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן יְרוּשָׁלַיִם צוּזַאמֶען מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהְן אַ פְרוֹי אַרוֹיסְקְלַייבְּן גֶערְשְׁטְן פוּן דִי שְׁמוּץ פוּן בְּהֵמוֹת פוּן אַרַאבֶּער, וֶוען דִי פְרוֹי הָאט אִים בַּאמֶערְקְט הָאט זִי אִים גֶעזָאגְט: רַבִּי, גֶעבּ מִיר פַּרְנָסָה! הָאט רַבִּי יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי אִיר גֶעפְרֶעגְט: מַיין טָאכְטֶער, וֶוער בִּיסְטוּ? הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט: אִיךְ בִּין דִי טָאכְטֶער פוּן נַקְדִימוֹן בֶּן גּוּרְיוֹן [אֵיינֶער פוּן דִי רַייכְסְטֶע אִידְן פוּן פַאר דִי חֻרְבַּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ]. הָאט רַבִּי יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי אִיר גֶעפְרֶעגְט: ווִי אִיז גֶעגַאנְגֶען דַיין טַאטֶעס גֶעלְט? הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט: דִי חֲכָמִים פוּן יְרוּשָׁלַיִם הָאבְּן דָאךְ גֶעזָאגְט אַ מָשָׁל, אַז צְדָקָה אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ זַאלְץ, פּוּנְקְט אַזוֹי ווִי זַאלְץ הַאלְט פְרִישׁ עֶסְן, אַזוֹי זַאלְצְט צְדָקָה אוּן גְמִילוּת חֲסָדִים, דִי גֶעלְט אַז עֶס זָאל נִישְׁט פַארְלוֹירְן גֵיין [אוּן ווִיבַּאלְד מַיין טַאטֶע הָאט נִישְׁט גֶעגֶעבְּן צְדָקָה, אִיז זַיין גֶעלְט פַארְלוֹירְן גֶעגַאנְגֶען].

**דִי** גְמָרָא פִּירְט אוֹיס: רַבִּי יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי הָאט גֶעוויינְט, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט: **אַשְׁרֵיכֶם יִשְׂרָאֵל**, ווָאוּיל אִיז צוּ עֶנְק אִידְן, ווָאס וֶוען עֶנְק טוּהְן דִי רָצוֹן פוּן השי"ת קֶען קַיין פָאלְק נִישְׁט גֶעוועלְטִיגְן אוֹיף עֶנְק, אוּן וֶוען עֶנְק טוּהְן נִישְׁט דִי רָצוֹן ה', גֶעבְּט עֶר עֶנְק אִיבֶּער אִין דִי הֶענְט פוּן אַ נִידְרִיגֶע פָאלְק [דִי אַרַאבֶּער], אוּן נִישְׁט נָאר אִין דִי הֶענְט פוּן אַ נִידְרִיגֶע פָאלְק, נָאר אִין דִי הֶענְט פוּן דִי בְּהֵמוֹת פוּן אַ נִידְרִיגֶע פָאלְק[א] [אוֹיף דֶעם ווָאס פוּן גְרוֹיס הוּנְגֶער, הָאט דִי

**א.** אויף דאס וואס רבי יוחנן בן זכאי האט געזאגט אשריכם ישראל, פרעגט דער מהרש"א דאס איז פארשטענדליך, אז וואויל איז צו די אידן אז ווען זיי טוען די רצון ה' קען קיין איין פאלק נישט געוועלטיגן אויף זיי, אבער פארוואס איז וואויל צו די אידן, אז ווען זיי טוען נישט די רצון ה', ווערן זיי פארשקלאפט צו די בהמות פון די נידריגסטע פעלקער? [עס איז דאך משמע אין די גמרא אז "אשריכם ישראל" גייט ארויף אויף ביידע זאכן וואס ער האט געזאגט].

און דער מהרש"א ענטפערט, מיט א געוואלדיגע יסוד אלע פעלקער האבן אין הימל א שר און א מזל, און זיי ווערן געפירט דורך דעם, אבער די אידן ווערן געפירט דורכ'ן אויבערשטער אליין, צוליב דעם, ווען די אידן טוען די רצון ה' קען קיין שום פאלק נישט געוועלטיגן אויף זיי, ווייל א שר אדער מזל קען נישט געוועלטיגן חס ושלום אויפ'ן באשעפער אליין, אבער ווען זיי טוען נעבעך נישט די רצון ה' פאלן זיי נאך נידריגער ווי אלע פעלקער, ווייל זיי האבן נישט א מזל אדער שר וואס זאל זיי פירן.

און דאס איז די חשיבות פון כלל ישראל, אז זיי ווערן געפירט דורך השי"ת אן קיין מזל אדער שר, און אויף דעם האט רבי יוחנן בן זכאי געזאגט אשריכם ישראל, ווייל ווען ח"ו כלל ישראל זינדיגן פאלן זיי אויף גאר א שטארקער אופן, דאך זעהן מיר פון דעם דער געוואלדיגע מעלה פון כלל ישראל אז זיי זענען נאר אונטער השי"ת אליין.

טָאכְטֶער פוּן נַקְדִימוֹן גֶעקְלִיבְּן דִי גֶערְשְׁטְן פוּן דִי שְׁמוּץ פוּן בְּהֵמוֹת, וָואס דִי בְּהֵמוֹת הָאבְּן נִישְׁט גוּט פַארְדֵייט].

**אוּן** דִי גְּמָרָא פְרֶעגְט אוֹיף דֶעם, אַז נַקְדִימוֹן בֶּן גּוּרְיוֹן הָאט דָאךְ יָא גֶעטוּען אַ סַאךְ צְדָקָה? אוּן דִי גְּמָרָא עֶנְטְפֶערְט צְוֵויי תֵּרוּצִים: עֶר הָאט דָאס גֶעטוּען פַאר זַיין כָּבוֹד, אוּן אוֹיךְ אַז לוֹיט זַיין פַארְמֶעגְן וָואלְט עֶר גֶעדַארְפְט גֶעבְּן מֶער.

**עכ"פ** זֶעהְן מִיר (פון די ערשטע תירוץ) אַז גֶעבְּן צְדָקָה כְּדֵי צוּ הָאבְּן כָּבוֹד אִיז אַ עֶרנסְטֶע פְּרָאבְּלֶעם, וואס דאס זעהט אויס אנדערש פון וואס ס'שטייט פון בעש"ט.[ב]

## פוּן אַ צַדִיק פָּאדֶערְט מֶען 'בִּלְתִּי לַה' לְבַדּוֹ'

**עֶס** קֶען זַיין אַז דַוְקָא צוּ נַקְדִימוֹן אִיז דֶער רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם גֶעוֶוען אֲזוֹי שְׁטְרֶענְג, אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן צְדָקָה פַאר זַיין אֵייגֶענֶע כָּבוֹד, וִוייבַּאלְד נַקְדִימוֹן בֶּן גּוּרְיוֹן אִיז גֶעוֶוען אַ חָשׁוּבֶ'ער אוּן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס הָאט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶס מֵיינְט טוּהן אַ מִצְוָה פַארְ'ן בַּאשֶׁעפֶערְ'ס כָּבוֹד, מִמֵּילָא אִיז גֶעוֶוען אוֹיף אִים אַ טַעֲנָה.

**אֲזוֹי** וִוי דִי גְּמָרָא פַארְצֵיילְט (תַּעֲנִית יט:) אֵיינְמָאל וֶוען דִי אִידן הָאבְּן עוֹלֶה לָרֶגֶל גֶעוֶוען אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען פַאר זֵיי קַיין וַואסֶער אִין יְרוּשָׁלַיִם, אִיז נַקְדִימוֹן בֶּן גּוּרְיוֹן גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ גֶעוִויסֶער אָדוֹן [פָּרִיץ] אוּן עֶר הָאט אִים גֶעבֶּעטְן אַז עֶר זָאל אֶים פַארְבָּארְגְן צְוֶועלֶעף גְרוּבֶּער פוּן וַואסֶער, אוּן עֶר הָאט אָפְּגֶעמַאכְט מִיט אִים אַ צַייט, וָואס אוֹיבּ בִּיז דֶעמָאלְטְס וֶועלְן זִיךְ דִי גְרוּבֶּער נִישְׁט אָנְפוּלְן מִיט פְרִישֶׁע וַואסֶער, וֶועט נַקְדִימוֹן אִים בַּאצָאלְן מִיט צְוֶועלֶעף כִּכָּר זִילְבֶּער.

**אִינְדֶערְפְרִי** פוּן דִי בַּאשְׁטִימְטֶע טָאג, הָאט דֶער פָּרִיץ גֶעשִׁיקְט אַ שָׁלִיחַ וָואס זָאל זָאגְן פַאר נַקְדִימוֹן: אָדֶער שִׁיקְסְטוּ מִיר דִי וַואסֶער אָדֶער דִי צְוֶועלֶעף כִּכָּר זִילְבֶּער! הָאט נַקְדִימוֹן גֶעעֶנְטְפֶערְט: אִיךְ הָאבּ נָאךְ צַייט, עֶס אִיז נָאךְ דָא אַ גַאנְצְן טָאג בִּיז אִיךְ דַארְף דִיר בַּאצָאלְן! נָאכְמִיטָאג הָאט דֶער פָּרִיץ נָאכְאַמָאל גֶעשִׁיקְט אַ שָׁלִיחַ, אוּן נַקְדִימוֹן הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט: אִיךְ הָאבּ נָאךְ צַייט אִין טָאג! בַּיי מִנְחָה הָאט דֶער פָּרִיץ נָאכְאַמָאל גֶעשִׁיקְט אַ שָׁלִיחַ, אוּן נַקְדִימוֹן הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט: אִיךְ הָאבּ נָאכְאַלְץ צַייט אִין טָאג!

**אוּן** דֶער פָּרִיץ הָאט גֶעלַאכְט פוּן נַקְדִימוֹן בֶּן גּוּרְיוֹן: אַ גַאנְץ יָאר אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען קַיין רֶעגְן, אוּן פּוּנְקְט יֶעצְט וֶועט רֶעגֶענֶען?

---

**ב.** אוודאי געוויס איז אויך דא א ענין פון מפרסם זיין עושי מצוה די אידן וואס געבן צדקה, ווי עס ווערט געברענגט אין רמ"א (יורה דעה סימן רמט סעיף יג) פון רשב"א "מפרסמין עושי מצוה", אבער דאס איז בעיקר נאר כדי אנדערע אידן זאלן זיך אפלערנען, אבער דער נדיב אליין דארף אנטלויפן פון יעדע געפיל פון כבוד, אז דער צדקה זאל זיין ווי מער לשם שמים.

דער זעלבע ענין שטייט אויך אין מדרש, אז אויב איינער לאזט נישט איבער דא אויף די וועלט עפעס אן אנדעק פון זיינע מצות צדקה, אדער עפעס א גוטע זאך וואס ער האט אויפגעטון אויף די וועלט, ארויס געגעבן תלמידים, א. ד. ג. האט ער נישט דעם זכות אויף יענע וועלט.

**און** דֶער פָּרִיץ אִיז אַרַיין אִין בֵּית הַמֶּרְחָץ [זִיךְ וַואשְׁן] מִיט פְרֵייד[ג], אֲזוֹי וִוי עֶר אִיז זִיךְ גֶעגַאנְגֶען וַואשְׁן אִין זַיין שִׂמְחָה, אִיז נַקְדִימוֹן גֶעגַאנְגֶען מִתְפַּלֵּל זַיין אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ מִיט אַ צוּבְּרָאכְנְקַייט.

**און** דָאס אִיז גֶעוֶועןַ זַיין תְּפִלָּה: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, גָּלוּי וְיָדוּעַ לְפָנֶיךָ** עֶס אִיז אַנְטְפְּלֶעקְט פַאר דִיר, **שֶׁלֹּא לִכְבוֹדִי עָשִׂיתִי** אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעבָּארְגְט דִי וַואסֶער פַאר מַיין כָּבוֹד, **וְלֹא לִכְבוֹד בֵּית אַבָּא עָשִׂיתִי** אוּן נִישְׁט פַאר דִי כָּבוֹד פוּן מַיין מִשְׁפָּחָה, **אֶלָּא לִכְבוֹדְךָ עָשִׂיתִי** אִיךְ הָאבּ דָאס נָאר גֶעטוּעןַ פַאר דַיין כָּבוֹד, כְּדֵי **שֶׁיְּהוּ מַיִם מְצוּיִין לְעוֹלֵי רְגָלִים** עֶס זָאל זַיין וַואסֶער פַאר דִי עוֹלֵי רְגָלִים, וָואס קוּמֶען קַיין יְרוּשָׁלַיִם אוּן צוּם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ!"

**גְלַייךְ** אִיז דִי הִימְל פַארְוָואלְקְנְט גֶעוָוארְן, אוּן עֶס אִיז אַרָאפּ אַ רֶעגְן, בִּיז דִי צְוֶועלֶעף גְרוּבֶּער הָאבְּן זִיךְ אִיבֶּערְגֶעפוּלְט מִיט וַואסֶער.

**וֶוען** דֶער פָּרִיץ אִיז אַרוֹיס פוּן דִי בֵּית הַמֶּרְחָץ, אִיז נַקְדִימוֹן בֶּן גּוּרְיוֹן אַרוֹיס פוּן דִי בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ צוּזַאם גֶעטְרָאפְן...

**נַקְדִימוֹן** הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן פָּרִיץ, מִיט אַ וֶוערְטְל: גֶעבּ מִיר דִי רֶעשְׁט, וַוייל דִי גְרוּבֶּער הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶעפוּלְט מֶער וִוי זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען וֶוען אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶענוּמֶען.

**הָאט** דֶער פָּרִיץ גֶעזָאגְט פַאר נַקְדִימוֹן: אִיךְ וֵויים אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט דִי וֶועלְט פַאר דִיר, אָבֶער אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַ טַעֲנָה אוֹיף דִיר וָואס מִיט דֶעם וֶועל אִיךְ קֶענֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִיר דִי צְוֶועלֶעף כִּכָּר זִילְבֶּער, דִי רֶעגְן אִיז גֶעקוּמֶען וֶוען עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען נַאכְט!

**אִיז** נַקְדִימוֹן צוּרִיקְגֶעגַאנְגֶען אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אוּן עֶר הָאט גֶעדַאוֶוענְט: **רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הוֹדַע** מַאךְ וִויסְן, **שֶׁיֵּשׁ לְךָ אֲהוּבִים בְּעוֹלָמְךָ** אַז דוּ הָאסְט בַּאלִיבְּטֶע אִין דַיין וֶועלְט! אוּן פּוּנְקְט וִוי דוּ הָאסְט גֶעמַאכְט אַ נֵס אַז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען רֶעגְן, מַאךְ אוֹיךְ אַ נֵס אַז מֶען זָאל זֶעהְן אַז דִי רֶעגְן אִיז גֶעקוּמֶען וֶוען עֶס אִיז נָאךְ גֶעוֶוען טָאג!

**גְלַייךְ** אִיז גֶעקוּמֶען אַ וִוינְט וָואס הָאט אַוֶועקְגֶעבְּלָאזְן דִי וָואלְקֶענֶעס, אוּן מֶען הָאט גֶעזֶעהן אַז דִי זוּן שַׁיינְט נָאךְ![ד]

**זֶעהְן** מִיר פוּן דֶעם, אַז נַקְדִימוֹן וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע צַדִּיק, הָאט גוּט פַארְשְׁטַאנֶען אַז אַ מִצְוָה דַארְף מֶען טוּהן פַארְן בַּאשֶׁעפֶערְ'ס כָּבוֹד, אֲזוֹי וִוי עֶר הָאט דֶערְמַאנְט אִין זַיין תְּפִלָּה, מִמֵּילָא אִיז גֶעוֶוען אוֹיף אִים אַ טַעֲנָה, אַז עֶר וָואלְט

ג. דער מהרש"א איז מסביר, אז עס קען זיין, אז ער איז זיך געגאנגען וואשן, כדי חוזק צו מאכן פון די אידן, אז זיי האבן נישט קיין וואסער צום טרינקען, און ער קען זיך אפילו וואשן.

ד. די גמרא זאגט דערנאך, אז זיין נאמען איז געווען באמת 'בוני', און מען האט אים גערופן נקדימון ווייל די זון איז ארויסגעקומען לכבוד אים. [קדם, קען טייטשטן ארויסגיין אנטקעגן].

אויף גֶעדַארְפְט גֶעבְּן צְדָקָה אויף דֶעם אוֹפָן[ה].

### פַארְוָואס אִיז צְדָקָה פַאר כָּבוֹד עֶרְגֶער וִוי צְדָקָה אַלְס סגוּלָה

**דֶער** מַהַרְשָׁ"א פְּרֶעגְט, אויף דָאס וָואס דִי גְּמָרָא זָאגְט אַז נקדימון הָאט גֶעגֶעבְּן צְדָקָה פַאר זַיין כָּבוֹד, און צוּלִיבּ דֶעם אִיז דִי זְכוּת אִים נִישְׁט בַּייגֶעשְׁטַאנֶען, עֶס שְׁטֵייט דָאךְ אִין גְּמָרָא (פסחים ח.), אַז אוֹיבּ אֵיינֶער זָאגְט "אִיךְ גֶעבּ דִי גֶעלְט פַאר צְדָקָה, כְּדֵי מַיין זוּן זָאל לֶעבְּן, אָדֶער כְּדֵי אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ עוֹלָם הַבָּא" אִיז עֶר אַ צַדִּיק גָּמוּר [כָאטְשׁ וָואס דָאס אִיז נִישְׁט לִשְׁמָהּ].

**אַזוֹי** אויךְ שְׁטֵייט אִין גְּמָרָא: **לְעוֹלָם יַעֲסֹק אָדָם** שְׁטֶענְדִיג זָאל אַ מֶענְטְשׁ עוֹסֵק זַיין **בְּתוֹרָה וּבְמִצְווֹת** אִין תּוֹרָה און אִין מִצְווֹת **אֲפִילוּ שֶׁלֹּא לִשְׁמָן** אֲפִילוּ נִישְׁט לִשְׁמָהּ, **שֶׁמִּתּוֹךְ שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ** וַוייל דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר וֶועט טוּהן מִצְווֹת, אֲפִילוּ נִישְׁט לִשְׁמָהּ, **בָּא לִשְׁמָהּ** וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ טוּהן דִי מִצְווֹת לִשְׁמָהּ (פסחים נ:).

**און** דֶער מהרש"א עֶנְטְפֶערְט: אַז גֶעבְּן צְדָקָה פַאר כָּבוֹד אִיז עֶרְגֶער וִוי סְתַּם נִישְׁט לִשְׁמָהּ, און הגה"ק רַבִּי אֶלְחָנָן וַואסֶערְמַאן זצ"ל הי"ד (אין זיין ספר קובץ שעורים) אִיז מַסְבִּיר דֶעם עִנְיָן מִיט אַ יְסוֹד וָואס שְׁטֵייט אִין חוֹבַת הַלְּבָבוֹת: אַז מִצְוֹת דַארְף מֶען טוּהן פַאר דִי כָּבוֹד פוּן השי"ת, און אוֹיבּ מֶען טוּט דִי מִצְוֹת פַאר אַן אַנְדֶערֶע טַעַם אִיז דָאס נָאכְנִישְׁט אַזַא גְרוֹיסֶע פְּגַם, אָבֶער אוֹיבּ מֶען טוּישְׁט אויף דִי כָּבוֹד פוּן בַּאשֶׁעפֶער מִיט דִי אֵייגֶענֶע כָּבוֹד ה"י, אִיז דָאס עֶרְגֶער וָואס דָאס אִיז אַזוֹי וִוי עֲבוֹדָה זָרָה בְּשִׁתּוּף [דִינֶען עֲבוֹדָה זָרָה צוּזַאמֶען מִיט לְהַבְדִּיל השי"ת], וַוייל עֶר דִינְט השי"ת צוּזַאמֶען מִיט 'זִיךְ' ה"י.[ו]

**לוֹיט** דֶעם קֶען זַיין אַז בְּאֶמֶת בֵּיי צְדָקָה קֶען עֶס זַיין שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ, אָבֶער לְשֵׁם כָּבוֹד אִיז עֶרְגֶער, און דֶערְפַאר אִיז נַקְדִימוֹן נֶענְשׁ גֶעוָוארְן.

### דִי כֹּחַ פוּן אֶמֶת'ע צְדָקָה

**ס'וֶוערְט** פַארְצֵיילְט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מַעֲשֶׂה: עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד אַ גְרוֹיסֶער אָרִימַאן וָואס פְלֶעגְט כְּסֵדֶר גֵיין צוּם רֶבִּי'ן ר' זוּשָׁא זיע"א אַז עֶר זָאל אִים גֶעבְּן אַ נְדָבָה, דֶער רֶבִּי ר' זוּשָׁא זיע"א אִיז דָאךְ אויךְ גֶעוֶוען אַן עָנִי וְאֶבְיוֹן, פְלֶעגְט עֶר אִים גֶעבְּן יֶעדֶע מָאל אַ קוּפֶּערְנֶע פְּרוּטָה, דֶער אָרִימַאן הָאט אָבֶער נִישְׁט אוֹיסְגֶעגֶעבְּן דִי גֶעלְט, נָאר עֶר הָאט עֶס גֶעהַאלְטְן בִּיז

**ה.** אפשר קען מען זאגן אויף די מעשה, דאס וואס די תלמידי הגר"א האבן נאכגעזאגט אין זיין נאמען, איך בין משיג די מדריגות פון תנאים ואמוראים, אבער די מדריגה פון א פשוט'ער איד אין די צייט ווען די בית המקדש איז געשטאנען, דאס בין איך נישט משיג!

**ו.** און ער ברענגט נאך א תירוץ וואס דער הייליגער חפץ חיים האט געזאגט אז וויבאלד עס איז געווען די חרבן בית המקדש איז נקדימון געשטראפט געווארן, לויט ווי חז"ל זאגן (עיין מנחות מא.) אז ווען עס איז כביכול א צייט פון רוגז אין הימל, שטראפט מען אויך אויף זאכן וואס מען שטראפט נישט סתם אזוי.

וָוען עֶר הָאט שׁוין גֶעהַאט אַ סַאךְ פוּן דִי מַטְבְּעוֹת, הָאט עֶר גֶעמַאכְט דֶערְפוּן אַ קוּפֶּערְנֶע מְנוֹרָה.

**עֶס** הָאט גֶעוְואוֹינְט דָארְט אַ אִיד אַ גְּבִיר, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַּאר דֶעם אָרִימַאן: אִיךְ קֶען חֲתוּנָה מַאכְן אַלֶע דַיינֶע קִינְדֶער, אָבֶער אִיךְ דַארְף פוּן דִיר אֵיין זַאךְ, דִי קוּפֶּערְנֶע מְנוֹרָה! נִישְׁט הָאבְּנְדִיג קַיין בְּרֵירָה, הָאט דֶער אָרִימַאן אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן פַּאר'ן גְּבִיר דִי מְנוֹרָה, אוּן דֶער גְּבִיר הָאט חֲתוּנָה גֶעמַאכְט דֶעם אָרִימַאן'ס אַלֶע קִינְדֶער.

**יָארְן** שְׁפֶּעטֶער וָוען סַיי דֶער גְּבִיר אוּן סַיי דֶער אָרִימַאן זֶענֶען שׁוין גֶעוֶוען אוֹיפְ'ן עוֹלָם הָאֱמֶת, אִיז אַ טָאכְטֶער פוּן דֶער וָואס הָאט גֶע'יַרְשְׁ'נְט דִי קוּפֶּערְנֶע מְנוֹרָה, קְרַאנְק גֶעוָוארְן, אוּן דֶער טַאטֶע אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם הֵיילִיגְן קָאזְנִיצֶער מַגִּיד זיע"א, צוּ פּוֹעֶלְ'ן אַ יְשׁוּעָה, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער קָאזְנִיצֶער מַגִּיד גֶעפְרֶעגְט פוּנְ'ם טַאטְן: דוּ הָאסְט אֶפְשָׁר בַּיי דִיר אַ מְנוֹרָה פוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' זוּשָׁא? הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט, יָא! אוּן עֶר הָאט פַּארְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה וִוי אֲזוֹי דִי הֵיילִיגֶע מְנוֹרָה אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אִים, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער קָאזְנִיצֶער מַגִּיד גֶעבֶּעטְן אַז מֶען זָאל צוּרִיקְגֶעבְּן דִי מְנוֹרָה פַּאר דִי יוֹרְשִׁים פוּן דֶעם אָרִימַאן, אוּן דִי טָאכְטֶער פוּן דֶעם אִיד אִיז גֶעזוּנְט גֶעוָוארְן.

**אוֹיבּ** מֶעג מֶען זָאגְן פְּשַׁט אִין דִי מַעֲשֶׂה: לוֹיט וִוי עֶס שְׁטֵייט אַז אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט גֵייט מֶען כְּסֵדֶר אַרוֹיף הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער, אוּן לוֹיט וִוי הוֹיךְ מֶען גֵייט אַרוֹיף דַארְף מֶען מְתַקֵּן זַיין מֶער אֵיידֶעלֶע אוּן דַקוּתְ'דִיגֶע זַאכְן[ז], מִמֵּילָא, כָּאטְשׁ וָואס דֶער אִיד הָאט גֶעטוּהן אַ גֶעוַואלְדִיגֶע מִצְוָה מִיט דֶעם וָואס עֶר הָאט חֲתוּנָה גֶעמַאכְט דִי קִינְדֶער פוּנְ'ם אָרִימַאן, אוּן דֶער אָרִימַאן הָאט אֲפִילוּ מַסְכִּים גֶעוֶוען אַוֶועקְצוּגֶעבְּן דִי מְנוֹרָה כְּדֵי דֶער גְּבִיר זָאל חֲתוּנָה מַאכְן זַיינֶע קִינְדֶער, דָאךְ אִיז גֶעוֶוען אִין דֶעם אַ פְּגַם, וַוייל דִי צְדָקָה אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען בִּלְתִּי לַה' לְבַדּוֹ, וַוייל עֶר הָאט בַּאקוּמֶען עֶפֶּעס פַּארְדֶעם, אוֹיךְ קֶען זַיין אַז דִי פְּגַם אִיז גֶעוֶוען וַוייל לְמַעֲשֶׂה הָאט דֶער אָרִימַאן גֶעהַאט אַ צַעַר פוּן דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעדַארְפְט אַוֶועקְגֶעבְּן דִי מְנוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען.

**פוּן** דֶער מַעֲשֶׂה זֶעהן מִיר אַז כָּאטְשִׁיג בַּיי צְדָקָה אִיז עֶס 'כָּשֵׁר' שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ, אָבֶער מִיט דֶעם אַלֶעס אִיז פָּשׁוּט אַז אַ אִיד דַארְף שְׁטְרֶעבְּן צוּ זַיין וִוי מֶער אוֹיסְגֶעהַאלְטְן אוּן רֵיין מִיט אַ רִיכְטִיגֶע כַּוָּנָה לְשֵׁם שָׁמַיִם, אוּן אַוַדַאי אַנְדֶערֶע מִצְוֹת אִיז אַן עִיקָר גָּדוֹל אַז עֶס זָאל זַיין לִשְׁמָהּ, **כָּאטְשׁ וָואס עֶס אִיז נִישְׁט מְעַכֵּב דִי עֶצֶם קִיוּם הַמִּצְוָה.**

**מֶען** קֶען נָאךְ מוֹסִיף זַיין לוֹיט וִוי ס'שְׁטֵייט אִין אלשיך הק' אַז **וְעָשׂוּ לִי מִקְדָּשׁ**

**ז.** אזוי ווערט געברענגט אין ספר מנחת שבת, בשם דער אריז"ל, אז עס איז געווען א נשמה וואס איז ארויף אין א העכערע היכל, און עס האט געדארפט א תיקון אויף דעם וואס ער האט אמאל געטראגן שבת, ערד אין זיין שיך, כאטש וואס עס איז שלא כדרך און ער דארף נישט די ערד.

**וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכָם**, אִיז אַ בַּאפֶעל אוֹיף יֶעדֶע אִיד אַז עֶר זָאל בּוֹיעֶן אַ מִשְׁכָּן בֵּיי זִיךְ, דָאס אִיז דוּרךְ אַלֶע זַיינֶע מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, קוּמט דָאךְ אוֹיס אַז דֶער צִיוּוּי ה' פוּן "לִי – לִשְׁמִי" גֵייט אָן אוֹיךְ אוֹיף אַלֶע מִצְוֹת, **ווייל אַלֶע מִצְוֹת זֶענֶען אוֹיךְ אַן עִנְיָן פוּן בּוֹיעֶן אַ בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִין אִידִישֶׁע הֶערְצֶער.**

-ב-

# בּוֹיעֶן אִידִישְׁקֵייט – יֶעדֶער אֵיינֶער

☆ אַ חֵלֶק אִין דִי בֵּית הַמִּקְדָּשׁ ☆ דִי חֲשִׁיבוּת פוּן שְׁטִיצְן תּוֹרָה לֶערנֶערס ☆ בְּטַבְּעֹת הָאָרֹן יִהְיוּ הַבַּדִּים לֹא יָסֻרוּ מִמֶּנּוּ ☆ וויאַזוֹי גֵייט אַן עַם הָאָרֶץ זוֹכֶה זַיין צוּ תְּחִיַּת הַמֵּתִים ☆ וְתוֹמְכֶיהָ מְאֻשָּׁר ☆ לעתיד לבא גייען די מחזיקי תורה פארשטיין ריכטיג לערנען

## אַ חֵלֶק אִין דִי בֵּית הַמִּקְדָּשׁ

**נָאךְ** אַ גְרוֹיסֶע יְסוֹד זֶעהְן מִיר אִין דִי פָּרָשָׁה, אַז מִצְוָה פוּן בויען אידישקייט אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן פַאר יֶעדֶער אֵיינֶער. אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (כה ח) **וְעָשׂוּ לִי מִקְדָּשׁ**, בֵּיי דִי מִשְׁכָּן יֶעדֶע הָאט אֵיינֶער גֶעדַארפְט הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין בּוֹיעֶן דִי מִשְׁכָּן. אִין רַמְבַּ"ם (בֵּית הַבְּחִירָה פֶּרֶק א הֲלָכָה א, וּבְמִצְוֹת עֲשֵׂה כ) שְׁטֵייט **שֶׁצִּוָּנוּ לִבְנוֹת בֵּית הַבְּחִירָה וְכוּ', וְעוֹסְקִים בְּבִנְיָנוֹ מֵעֲלוֹת הַשַּׁחַר עַד צֵאת הַכּוֹכָבִים וְכוּ'**, "**וְהַכֹּל חַיָּיבִים לִבְנוֹת וְלִסְעֹד בְּעַצְמָן וּבְמָמוֹנָם**", עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן דִי בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, מֶען דַארף זַיין פַארְנוּמֶען מִיט דֶעם אַ גַאנְצֶע טָאג, אוּן יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז מְחֻיָּב צוּ צוּהֶעלְפְן צוּ אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי בֵּית הַמִּקְדָּשׁ.

**דֶער** תּוֹרָה פַארְלַאנְגְט אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ דַארְף הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין דִי בֵּית הַמִּקְדָּשׁ - שְׁכִינָה, טַאקֶע אִישׁ אֲשֶׁר יִדְּבֶנּוּ לִבּוֹ, יֶעדֶער מִיט זַיין טֵייל לוֹיט וויפִיל עֶר קֶען, אָבֶּער דֶער חִיּוּב פוּן צוּהֶעלְפְן לִיגְט אוֹיף יֶעדֶער אֵיינְצִיגֶער מֶענְטְשׁ, דֶער מִצְוָה אִיז נִישְׁט דַוְקָא אוֹיף בִּנְיַן בֵּית הַבְּחִירָה נָאר יֶעדֶער דָּבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה וָואס מְבוֹיעֶט, לִיגְט אַ חוֹב אוֹיף יֶעדֶער אֵיינֶער צוּ אַרוֹיס הֶעלְפְן, ווִי עֶס אִיז בַּאקַאנְט פוּן מִדְרָשׁ, אַז עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט וְעָשׂוּ לִי מִקְדָּשׁ וְשָׁכַנְתִּי **בְּתוֹכוֹ**, נָאר **בְּתוֹכָם** וָואס דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִי הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה אִין יֶעדְן פְּלַאץ אִין דִי וֶועלְט.

**אִיךְ** הָאב גֶעהֶערְט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע מַעֲשֶׂה פוּן הַגָּאוֹן רַבִּי רְפָאֵל סָאלָאוֵוייצִיק

זַצַ"ל בַּיי דֶער מְסִבָּה פוּן קֶרֶן הַצָּלָה בִּשְׁנַת תשמ"ב.

**עֶס** אִיז בַּאקַאנְט אַז דֶער חָפֵץ חַיִּים הָאט גֶעהַאט א יְשִׁיבָה אִין רַאדִין, הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַז מְ'הָאט גֶעדַארְפְט בּוֹיעֶן א בִּנְיָן פַאר דִי בְּנֵי הַיְשִׁיבָה, אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין גֶעלְט צוּ קֶענֶען בּוֹיעֶן. הָאט דֶער חָפֵץ חַיִּים אַרוֹיס גֶעלֵייגְט אַ פְּלַאקַאט, אַז וֶוער עֶס ווִיל הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין תּוֹרָה פַאר הוּנְדֶערְטֶער בַּחוּרִים, זָאל זִיךְ מִשְׁתַּתֵּף זַיין אוּן גֶעבְּן גֶעלְט צוּ קֶענֶען בּוֹיעֶן.

**עֶס** אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד רַבִּי ר' מֹשֶׁה דָארְפְּסְמַאן ז"ל וָואס הָאט גֶעוואוֹינְט נֶעבְּן דֶעם שְׁטֶעטֶעלֶע רַאדִין, וָואס עֶר הָאט לֵיידֶער נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין קִינְדֶער, אָבֶּער עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גָאר אַ גְרוֹיסֶע רֵייכֶע פֶּערְזָאן, עֶר הָאט פָארְגֶעשְׁלָאגְן זַיין פְּלַאן פַאר דֶער חָפֵץ חַיִּים, אַז עֶר ווִיל אַז עֶס זָאל בְּלַייבְּן פוּן אִים אוּן פוּן זַיין ווַייבּ אַ זֵכֶר לְשֵׁם עוֹלָם, צוּלִיבּ וָואס הָאט נִישְׁט קֵיין קִינְדֶער זָאל כָאטְשִׁיג בְּלַייבְּן פַארְאֵייבִּיגְט זַיין נָאמֶען, אוּן עֶר ווִיל גֶעבְּן דֶער גַאנְצֶע גֶעלְט צוּ קֶענֶען אִיבֶּער בּוֹיעֶן אַ נַייעֶ אוּן שֵׁיינֶע יְשִׁיבָה. ווִי נָאר דֶער חָפֵץ חַיִּים הָאט דָאס גֶעהֶערְט, אִיז עֶר גֶעוָוארְן זֵייעֶר אִיבֶּער-גֶענוּמֶען, אוּן עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט, "עֶס אִיז זֵייעֶר שֵׁיין פוּן דִיר, אָבֶּער אִין רַמְבַּ"ם וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט "וְהַכֹּל חַיָּבִים בִּבְנִיָּנוֹ" יֶעדֶער אִיז מְחֻיָּב צוּ גֶעבְּן גֶעלְט אַרוֹיס צוּ הֶעלְפְן צוּ בּוֹיעֶן אַ בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אוּן דָאס מֵיינְט אוֹיךְ אוּנְזֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ מְעַט, ווִי דֶער שְׁכִינָה אִיז פְּלַאצִירְט דָא אִין גָּלוּת, מִמֵּילָא קֶען אִיךְ נִישְׁט נֶעמֶען גֶעלְט נָאר פוּן דִיר.

**אוֹיף** אַזַא עֶנְטְפֶער הָאט ר' מֹשֶׁה זִיךְ נִישְׁט גֶערָאכְטְן, אוּן עֶר הָאט זִיךְ שְׁטַארְק אֵיינְגֶעבֶּעטְן בֵּיים חָפֵץ חַיִּים אַז עֶר זָאל צוּשְׁטִימֶען צוּ זַיין פְּלַאן, אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען אַ גַאנְצֶע דִין וּדְבָרִים אוּן טַעֲנָה'רֵיי, בִּיז ר' מֹשֶׁה הָאט פָארְגֶעשְׁלָאגְן אַז זֵיי זָאלְן בֵּיידֶע פַארְן צוּ רַבִּי חַיִּים עוֹזֵר אוּן הֶערְן וָואס עֶר פַּסְקְ'נְט.

**זֵיי** זֶענֶען בֵּיידֶע גֶעפָארְן צוּ ר' חַיִּים עוֹזֵר אוּן יֶעדֶער הָאט פָארְגֶעשְׁטֶעלְט זַיין טַעֲנָה, ר' מֹשֶׁה הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר ווִיל גֶעבְּן דִי גַאנְצֶע גֶעלְט ווַייל עֶר ווִיל אַז זַיין נָאמֶען זָאל בְּלַייבְּן פַארְאֵייבִּיגְט, אוּן דֶער חָפֵץ חַיִּים הָאט אַפִּיר גֶעבְּרֶענְגְט דֶעם רַמְבַּ"ם אַז מֶען דַארְף גֶעבְּן דִי מֶעגְלִיכְקֵייט פַאר יֶעדֶע אֵיינֶער צוּ אַרוֹיס הֶעלְפְן אוּן בּוֹיעֶן דִי יְשִׁיבָה.

**נָאכְן** אוֹיסְהֶערְן בֵּיידֶע זַייטְן, הָאט ר' חַיִּים עוֹזֵר גֶע'פַּסְקְ'נְט, אַז דִי נָאמֶען פוּן דִי מִזְרָח וַואנְט בִּנְיָן קֶען טַאקֶע וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן אוֹיף ר' מֹשֶׁה אוּן זַיין ווַייבְּס נָאמֶען לִשְׁמוֹ וּלְזִכְרוֹ, אוּן עֶר וֶועט קֶענֶען הָאבְּן דִי זְכוּת תּוֹרָה פוּן דִי אַלֶע בְּנֵי הַיְשִׁיבָה, אָבֶּער עֶר דַארְף אוֹיךְ גֶעבְּן דִי גֶעלֶעגְנְהֵייט פַאר אַנְדֶערֶע צוּ גֶעבְּן צְדָקָה, אוּן דִי אַנְדֶערֶע וֶוענְט פוּן דִי יְשִׁיבָה זָאלְן וֶוערְן אוֹיסְגֶעצָאהְלְט פוּן יֶעדֶער אֵיינֶער.

**דֶער** חִיּוּב פוּן גֶעבְּן צְדָקָה אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן פַאר יֶעדֶער אֵיינֶעם, אוּן אַזוֹי וֶועט אוֹיךְ גֶע'פַּסְקְ'נְט אִין הֲלָכָה (יו"ד סִימָן רמו), אַז יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז מְחֻיָּב צוּ גֶעבְּן צְדָקָה, מֶען דַארְף אֵייבִּיג טוּהְן צְדָקָה וָחֶסֶד, אַזוֹי ווִי סְ'שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים קו ג) עֹשֵׂה צְדָקָה בְּכָל עֵת, מֶען דַארְף אַ גַאנְצֶע

צייט זיין פַּארְנוּמֶען צוּ אַרוֹיס הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע אִידְן, אוּן עֶס זֶענֶען דָא אַסַאךְ סָארְטְן וֶועגְן צוּ אַרוֹיס הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע, אֵיינֶער קֶען מִיט גֶעלְט, אַן אַנְדֶערֶע קֶען מִיט גֶעבְן גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן מְחַזֵּק זַיין צוּבְּרָאכֶענֶע מֶענְטְשְׁן, דֶער עִיקָר אִיז אַז מֶען זָאל שְׁטְרֶעבְן צוּ גֶעבְן, אוּן שְׁפִּירְן אַ זְכִיָּה אַרוֹיס צוּ הֶעלְפְן אַ צְווייטֶע.

**בֶּאֱמֶת** נִישְׁט נָאר בְּאוֹפֶן כְּלָלִי לְגַבֵּי בּוֹיעֶן מוֹסָדוֹת אוּן אִידִישְׁקֵייט אִיז דָא אַ פְּלִיכְט אוֹיף יֶעדֶער אֵיינֶער צוּ הָאבְן אַ חֵלֶק אִין דֶעם, נָאר בִּכְלָל דֶער חִיּוּב צְדָקָה אִיז אוֹיף יֶעדְן אֵיינְצִיגְן אִיד, ווִי דֶער לָשׁוֹן הַשֻּׁלְחָן עָרוּךְ אִין יוֹרֶה דֵּעָה (סִימָן רמ״ח סְעִיף א׳): כָּל אָדָם חַיָּיב לִיתֵּן צְדָקָה – יֶעדֶער אֵיינְצִיגֶער אִיד אִיז מְחֻוּיָב צוּ גֶעבְן צְדָקָה.

**אוּן** דֶער חִיּוּב אִיז סַיי אִין 'נֶפֶשׁ'[ח], אַז יֶעדֶע אִיד אִיז מְחֻיָּב צוּ גֶעבְן צְדָקָה, אוּן סַיי אִין 'שָׁנָה' זְמַן, מ'דַארף אִין יֶעדֶע צייט עוֹסֵק זַיין אִין צְדָקָה, ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט "עֹשֵׂה צְדָקָה בְּכָל עֵת", מֶען דַארף אֵייבִּיג זַיין פַּארנוּמֶען צוּ אַרוֹיס הֶעלְפְן אִידְן.

**קֶען** דָאךְ אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְטְן ווִי קֶען אִיךְ מְקַיֵּים זַיין דֶער פָּסוּק (תהלים קו ג) עֹשֵׂה צְדָקָה בְּכָל עֵת, צוּ דֶען קֶען אִיךְ גֶעבְן צְדָקָה אַ גַאנְצֶע טָאג, מ'דַארף דָאךְ זַיין פַּאר דֶעם אַ וֶועלְטְס עוֹשֶׁר.

**אָבֶּער** דֶער אֱמֶת אִיז, אַז עֶס אִיז דָא אַסאך סָארְטְן וֶועגְן פוּן טוּהן צְדָקָה, עֶס אִיז באקאנט וואס חַזַ"ל זָאגְן אַז מְחַזֵּק זַיין צוּבְּרָאכֶענֶע אִידְן, אַז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה פוּן צְדָקָה.

**וֶוען** אַ אִיד שְׁטְרֶעבְּט צוּ גֶעבְן פַּאר אַנְדֶערֶע, אוּן עֶר פִּילְט א זְכִיָּה דֶערבֵּיי אַז עֶר קֶען הֶעלְפְן א אִיד, טְרֶעפְט עֶר שׁוֹין גֶענוּג גֶעלֶעגְנְהֵייטְן דאס מקיים צו זיין[ט].

ח. עס איז דא "עולם – שנה – נפש", דאס איז דריי בחינות וואס אסאך זאכן טרעפט מען סיי אין עולם סיי אין שנה סיי אין נפש.

עולם טייטש – וועלט, שנה – איז זמן פון די יאר, נפש – איז דער מענטש.

ט. ווען מ'רעדט וועגן חסד דארף מען דערמאנען וואס די וועלט זאגט "חסד הייבט זיך אן אינדערהיים",

עס איז גאר וויכטיג צו ארויס העלפן און שטוב, אפילו איינער וואס ארבעט שווער צו פארדינען געלט, דארף געדענקען פארוואס ער ארבעט, דער גאנצע תכלית איז דאך צו קענען שפייזן זיין וויב און זיינע קינדער, עס טאר נישט ווערן פארקערט אז דער גאנצע טאג זאל ער ארבעטן שווער פאר געלט, און אזוי זאל ער נישט קענען ארויס העלפן ווען ס'פעלט זיך אויס.

עס איז געווען א יונגערמאן אין לייקוואד וואס פלעגט שטענדיג קומען שפעט צום דאווענען, דער משגיח האט אים אפיר גענומען, פארוואס פארשפעטיגסטו יעדן טאג?, דו הייסט דאך 'זאקס' ביסט אן אייניקל פון חפץ חיים, ווי פאסט עס פאר אן אייניקל פון חפץ חיים צו קומען שפעט?

### דִי חֲשִׁיבוּת פוּן שְׁטִיצְן תּוֹרָה לֶערנֶערס

**עֶקְסְטֶער** אִיז שְׁטִיצֶען תּוֹרָה, לוֹמְדֵי תּוֹרָה, אַז עֶקְסְטֶערֶע זְכִיָּה אוּן חוֹב, וָואס לִיגְט אוֹיף יֶעדֶע אִידִישׁ קִינְד בַּאזוּנְדֶער.

**דֶער** כְּלִי יָקָר שְׁטֶעלְט זִיךְ אַז בַּיי דִי אָרוֹן שְׁטֵייט "וְעָשׂוּ" אַנְדֶערְשׁ וִוי בַּיי דִי אַנְדֶערֶע כֵּלִים וָואס עֶס שְׁטֵייט "וְעָשִׂיתָ". אִיז עֶר מַסְבִּיר אָמְרָה הַתּוֹרָה דִי תּוֹרָה זָאגְט הַכֹּל יָבוֹאוּ וְיִתְעַסְקוּ בְּאָרוֹן, אַלֶע זָאלְן קוּמֶען אוּן עוֹסֵק זַיין אִין דִי אָרוֹן, כְּדֵי שֶׁיִּהְיֶה לְכוּלָם חֵלֶק בַּתּוֹרָה אַז אַלֶע זָאלְן הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין דִי תּוֹרָה, כִּי כֶּתֶר תּוֹרָה הֶפְקֵר לְכָל וֵוייל דִי קְרוֹין פוּן דִי תּוֹרָה אִיז הֶפְקֵר פַאר יֶעדְן אִיד!

### בְּטַבְּעֹת הָאָרֹן יִהְיוּ הַבַּדִּים לֹא יָסֻרוּ מִמֶּנּוּ (כה טו)

**דִי** גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי וָואס שְׁטִיצֶען תּוֹרָה קֶען מֶען זֶעהן פוּן וָואס עֶס שְׁטֵייט בַּיי דִי אָרוֹן בְּטַבְּעוֹת הָאָרוֹן יִהְיוּ הַבַּדִּים לֹא יָסוּרוּ מִמֶּנּוּ, אַז מְ'הָאט נִישְׁט גֶעמֶעגְט אַרוֹיסנֶעמֶען דִי שְׁטַאנְגֶען פוּן דִי אָרוֹן, חַזַ"ל (יוֹמָא ע"א:) זָאגְן אַז דָאס אִיז אַ לֹא תַעֲשֶׂה.

**דִי** סְפָרִים הַקְדוֹשִׁים זֶענֶען מַסְבִּיר אַז דֶער טַעַם פוּן דֶער אִיסוּר אִיז, וַוייבַּאלְד אַז דִי שְׁטַאנְגֶען טְרָאגְן דֶעם אָרוֹן, הָאבְּן זֵיי בַּאקוּמֶען דִי זֶעלְבֶּע קְדֻשָּׁה אוּן חֲשִׁיבוּת וִוי דֶער אָרוֹן אַלֵיינְס,' אוּן מְ'טָאר נִישְׁט אָפְּטֵיילְן אֵיינְס פוּן צְוֵוייטְן, קֶענֶען מִיר זֶעהן פוּן דֶעם דִי גְרוֹיסֶע חֲשִׁיבוּת פוּן "בַּדֵּי הָאָרוֹן" דָאס זֶענֶען דִי נְדִיבִים בְּעָם וָואס

---

האט ער אים געענטפערט "איך גיי ארויס צייטליך יעדן טאג, גענוג פריה אז איך זאל קענען אפילו לערנען פארן דאווענען, אבער אינמיטן וועג גיי איך אריבער א הויז וואס איך הער ארויס קולות און איך הער ווי קינדער וויינען זייער שטארק, מיין הארץ באנעמט מיך יעדן טאג פון פריש, און איך קלאפ אריין, און איך זעה ווי א פרוי אן אלמנה פארעט זיך נעבעך אינגאנצען אליין, איך העלף זי אנטוהן די קליידער פון די קינדער, איך געב זיי פרישטיג, און איך נעם זיי אין חדר, און צוליב דעם קען איך נישט אנקומען צייטליך צום דאווענען".

האט אים דער משגיח געזאגט, "דאס פאסט טאקע פאר אן אייניקל פון חפץ חיים"!

האט דער אייניקל פון חפץ חיים אים קלאר געמאכט: אבער דו ווייסט ווער יענע פרוי איז? זי איז נישט קיין אלמנה, דאס איז מיין ווייב און מיינע אייגענע קינדערליך.

ווי פארשטענדליך איז נישט דער לימוד פון די מעשה אז עס איז דא א תירוץ צו קומען שפעט צום דאווענען, אבער דאס זעהן מיר זיכער אז העלפן אינדערהיים איז גאר וויכטיג.

1. אנפאנג מסכת זבחים שטייט אין די משנה "שמעון אחי עזריה" שמעון דער ברודער פון עזריה, איז רש"י מסביר אז ער ווערט אנגערופן אזוי, וויבאלד אז דורך זיין ברודער עזריה האט ער געקענט לערנען תורה ווייל ער האט אים געשטיצט, דערפאר ווערט ער אנגערופען על שמו.

עס שטייט אין מדרש (בראשית רבה צ"ט ח') אז אין פרשת ויחי שטייט אין די תורה זבולון פאר יששכר, ווייל אָן זבולון איז נישטא קיין יששכר.

האַלטְן אונְטֶער דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, אַז זֵייעֶר חֲשִׁיבוּת אִיז מַמָּשׁ אַזוֹי וִוי דִי תּוֹרָה אַלֵיין.[יא]

**אוּן** בֶּאֱמֶת דַארף אַ אִיד זִיךְ מִתְבּוֹנֵן זַיין, אַז כָאטְשִׁיג עֶס זֶעהט אוֹיס כְּאִילוּ עֶר שְׁטִיצְט דִי תּוֹרָה, עֶס אִיז דֶער וָואס הַאלְט אוּנְטֶער אַז דִי תּוֹרָה זָאל הָאבְּן אַ קִיוּם, אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז פּוּנקט פַארקֶערְט, אַזוֹי וִוי בַּיים אָרוֹן ווייסן מִיר וָואס חֲזַ"ל (סוֹטָה ל"ה.) זָאגְן אַז דֶער אָרוֹן אִיז גֶעוֶוען נוֹשֵׂא אֶת נוֹשְׂאָיו, דֶער אָרוֹן הָאט בֶּאֱמֶת גֶעטְרָאגְן דִי כֹּהֲנִים וָואס הָאבְּן אִיר – כְּאִילוּ – גֶעטְרָאגְן.

**דִי** זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז בְּנוֹגֵעַ דִי מַחֲזִיקֵי תּוֹרָה, דָאס וָואס זֵיי שְׁטִיצְן דִי תּוֹרָה אוּן זֵיי טְרָאגְן דֶעם אָרוֹן, דָאס הַאלְט זֵיי גָאר אוּנְטֶער.

### ווִיאַזוֹי גֵייט אַן עַם הָאָרֶץ זוֹכֶה זַיין צוּ תְּחִיַּת הַמֵּתִים

**חֲזַ"ל** רעכענען אוֹיס אִין גָאר אַסַאך פְּלֶעצֶער דִי גָאר גְרוֹיסֶע שָׂכָר אוּן ווִיכְטִיגְקֵייט פַאר דִי אִידְן וָואס הֶעלְפְן אוּן שְׁטִיצְן תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, פָאלְגֶענְד בְּרֶענְגֶען מִיר עֶטְלִיכֶע מַאֲמָרִים.

**דִי** גְּמָרָא (סַנְהֶדְרִין קי"א:) אַז ר' אֶלְעָזָר לֶערְנְט אַרוֹיס פוּן דִי פָּסוּק (ישעיהו כו יט) **כִּי טַל אוֹרוֹת טַלֶּךָ וָאָרֶץ רְפָאִים תַּפִּיל, כָּל הַמִּשְׁתַּמֵּשׁ בְּאוֹר תּוֹרָה** דֶער וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה **אוֹר תּוֹרָה מַחְיֵיהוּ** ווֶעט קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֵיין צוּ תְּחִיַּת הַמֵּתִים, אוּן ח"ו דֶער וָואס לֶערְנְט נִישְׁט קֵיין תּוֹרָה, אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער.

**זָאגְט** דִי גְּמָרָא ווֵייטֶער אַז ר' אֶלְעָזָר הָאט גֶעזֶעהן אַז ר' יוֹחָנָן שְׁטֶערְט זֵייעֶר שְׁטַארק זֵיינֶע ווֶערְטֶער (ווייל ווי קֶען מֶען זָאגְן אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַז זֵיי גֵייעֶן נִישְׁט אוֹיפְשְׁטֵיין צוּ תְּחִיַּת הַמֵּתִים), הָאט רַבִּי אֶלְעָזָר אִים גֶעזָאגְט, רַבִּי אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַן עֵצָה פַאר זֵיי, אַז זֵיי זָאלְן שְׁטִיצְן דִי לוֹמְדֵי תּוֹרָה ווֶעלְן זֵיי זוֹכֶה זַיין צוּ תְּחִיַּת הַמֵּתִים.

**נָאךְ** זָאגְט דִי גְּמָרָא דָארְט אַז דֶער וָואס מַאכְט חֲתוּנָּה זַיין טָאכְטֶער צוּ אַ תַּלְמִיד חָכָם, אוּן דֶער וָואס מַאכְט סְחוֹרָה פַאר תַּלְמִידֵי חֲכָמִים,[יב] אָדֶער עֶר אִיז סְתָם אַזוֹי מְהַנֶּה תַּלְמִידֵי חֲכָמִים פוּן זַיין פַארמֶעגְן, רֶעכְנֶעט אִים דֶעם פָּסוּק אַזוֹי וִוי עֶר אִיז זִיךְ מְדַבֵּק אִין דִי שְׁכִינָה, אַזוֹי וִוי ס'שְׁטֵייט אִין פָּסוּק וְאַתֶּם הַדְּבֵקִים בַּה'.

---

**יא.** באמת ווערט אזוי געפסקנט אין שלחן ערוך (יורה דעה סימן רמ"ו): יעדע איד איז מחויב צו לערנען תורה, און דער וואס קען נישט לערנען, זאל שטיצען אנדערע וואס לערנען, און עס וועט אים ווערן גערעכנט כאילו ער אליין האט געלערנט" (עיין גם ברמב"ם ספר המצות מצוה ו').

עס איז אויך כדי צו באצייכענען וואס עס שטייט אין מדרש (פרשת קדושים כ"ה, וכן הוא בירושלמי סוטה) "אלו נאמר עץ חיים לעמלים" אויב עס וואלט געשטאנען אז די תורה איז א עץ חיים פאר די וואס פלאגן זיך אין דעם, וואלט כלל ישראל נישט געקענט עקזעסטירן חס ושלום, ווייל נישט יעדער קען לערנען א גאנצע צייט, עס שטייט אבער נאר "למחזיקים בה".

**יב.** אמאליגע צייטן איז געווען זייער איינגעפירט ביי כלל ישראל אז א איד וואס האט געהאט געלט האט זיך געלאזט קאסטן גאר אסאך אבי זוכה זיין צו א איידעם א תלמיד חכם,

### וְתוֹמְכֶיהָ מְאֻשָּׁר

**דֶער** גְּמָרָא פַּארְצֵיילְט אוֹיף אַחְאָב מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל וָואס אִיז גֶעוֶוען ל"ע אַ רָשָׁע, (סַנְהֶדְרִין קב.) זָאגְט דִי גְּמָרָא, אַחְאָב שָׁקוּל הָיָה, אַחְאָב הָאט גֶעהַאט עֲבֵירוֹת אוּן אוֹיךְ זְכוּתִים. וֶוען אַחְאָב הָאט גֶעוָואלְט גֵיין אִין מִלְחָמָה מִיט אֲרָם אִין רָמוֹת גִּלְעָד, הָאט אִים מִיכָה הַנָּבִיא גֶע'עֵצָה'ט אַז עֶר זָאל נִישְׁט גֵיין אִין מִלְחָמָה, אוּן עֶר הָאט אִים דֶערְצֵיילְט וִוי עֶר הָאט גֶעזֶעהְן בִּנְבוּאָה וִוי עֶס טוּט זִיךְ אַ גַאנְצֶע טַענָה'רֵיי אִין הִימְל **זֶה אוֹמֵר בְּכֹה וְזֶה אוֹמֵר בְּכֹה, וְכָל צְבָא הַשָּׁמַיִם עוֹמֵד עָלָיו מִימִינוֹ וּמִשְּׂמֹאלוֹ** (מְלָכִים א כב יט) עֶס זֶענֶען דָא מַלְאָכִים וָואס זָאגְן אַז עֶר זָאל שְׁטַארְבְּן אִין דֶער מִלְחָמָה, אוּן עֶס זֶענֶען דָא וָואס זָאגְן אַז זָאל דָאס אִיבֶּער לֶעבְּן, צוּם סוֹף אִיז עֶר טַאקֶע גֶעגַאנְגֶען אוּן עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין מְלָכִים א (פרק כב).

**וָואס** זֶענֶען גֶעוֶוען דִי צְדָדִים צוּ עֶר זָאל אִיבֶּערלֶעבְּן אָדֶער נִישְׁט?

**דֶער** מַהַרְשָׁ"א עֶרְקְלֶערְט, מִיט דֶעם וָואס ס'שְׁטֵייט אִין גְּמָרָא (שם) אָמַר ר' יוֹחָנָן מִפְּנֵי מָה זָכָה אַחְאָב לַמַּלְכוּת כ"ב שָׁנִים, פַּארְוָואס הָאט אַחְאָב דֶער רָשָׁע זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין אַ מֶלֶךְ פַאר צְוֵויי אוּן צְוָואנְצִיג יָאר, וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען זַייעֶר אַ לַאנְגֶע צַייט וַוייל עֶר הָאט מְכַבֵּד גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה וָואס אִיז גֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן מִיט צְוֵויי אוּן צְוָואנְצִיג אוֹתִיּוֹת[יג].

**אַזוֹי** זֶעט מֶען דָארְט קְלָאר אִין דִי גְּמָרָא אַז וַוייבַּאלְד אַחְאָב הַמֶּלֶךְ הָאט מְהַנֶּה גֶעוֶוען תַּלְמִידֵי חֲכָמִים מִנְּכָסָיו, הָאט מֶען אִים מוֹחֵל גֶעוֶוען הַאלְבּ פוּן זַיינֶע עֲבֵירוֹת (ועיי"ש במהרש"א).

**מִיר** זֶעהְן אַז חִזְקִיָּהוּ הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעשְׁלֶעפְּט זַיין טַאטֶענְס 'אָחָז' בֵּיינֶער, עֶס שְׁטֵייט אִין יְרוּשַׁלְמִי (סַנְהֶדְרִין י:) אַז אָחָז אִיז געווען אַ רָשָׁע אוּן עֶר הָאט צוּשְׁטֶערְט דִי תּוֹרָה, דֶערְפַאר הָאט עֶר נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען אֲפִילוּ דָאס וָואס אַחְאָב הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען, וַוייל אַחְאָב – מִיט אַלֶע זַיינֶע מַעֲשִׂים – הָאט מְכַבֵּד גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה[יד].

### לעתיד לבא גייען די מחזיקי תורה פארשטיין ריכטיג לערנען

**דֶער** חִידָ"א (אִין זַיין סֵפֶר צאורי שלל פרשת ראה) שְׁרֵייבְּט אוֹיף דִי פָּסוּק, **וְכָל בָּנַיִךְ לִמּוּדֵי ה' וגו' בִּצְדָקָה תִּכּוֹנָנִי**, לִכְאוֹרָה וָואסְפַארַא שַׁיָּכוּת הָאבְּן דִי צְוֵויי זַאכְן, צווישן תורה מיט צדקה?

**נָאר** וִוי דִי גְּמָרָא זָאגְט, אַז לעתיד לבֹא, עָתִיד הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לַעֲשׂוֹת צֵל

---

לײדער הײנט האבן מענטשען פארשידענע נארישע חשבונות ביי שידוכים, אבער דער עיקר חשבון פון חז"ל פארגעסט מען אמאל.

**יג.** די גמרא פארציילט דארט אז עס איז געווען א מלך "בן הדד מלך ארם" וואס האט געוואלט אז מ'זאל אים שיקן א ספר תורה, און אחאב האט נישט מסכים געווען.

**יד.** איך האב געהערט פון ר' יענקעלע זי"ע אז אחאב איז מגולגל געווארן אין דעם תנא רבי אחא, און דערנאך איז ער נאכאמאל מגולגל געווארן אין אחיהו גאון.

אֶצֶל בַּעֲלֵי הַתּוֹרָה, אַז דִי וָואס שְׁטִיצְן תּוֹרָה גֵייעֶן זִיצְן נֶעבְּן דִי וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁטִיצְט דִי בַּעֲלֵי תּוֹרָה, פְרֶעגְט דֶער חִידָ"א וָואס פַאר אַ שְׂכַר אִיז דָאס זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן דָאךְ גָארְנִישְׁט קֵיין תּוֹרָה, זֵיי וֶועלְן זִיצְן אוּן אוֹיסְהֶערְן אָן פַארְשְׁטֵיין, אֶלָּא מַאי עֶנְטְפֶערְט דֶער חִידָ"א אַז זֵיי גֵייעֶן פַארְשְׁטֵיין לֶערְנֶען, וְכָל בָּנַיִךְ לִמּוּדֵי ה' ווִי אַזוֹי בִּצְדָקָה תִּכּוֹנָנִי.[טו]

**אוּן** דָאס דַארְף נִישְׁט דַּוְקָא מֵיינֶען מִיט גֶעלְט, נָאר יֶעדֶע סָארְט הִילְף וָואס אֵיינֶער גִיבְּט פַאר אַ תַּלְמִיד חָכָם, הָאט עֶר דִי זְכִיָּה אַז עֶר גֵייט לֶערְנֶען תּוֹרָה בָּעוֹלָם הַבָּא, אוּן עֶר גֵייט פַארְשְׁטֵיין, אֲפִילוּ אִידְן וָואס דָא אוֹיף דִי וֶועלט הָאבְּן זֵיי נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ פַארְשְׁטֵיין, אָבֶער אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט וֶועלְן זֵיי פַארְשְׁטֵיין!

**אִיךְ** הָאבּ אַמָאל גֶעהֶערְט ווִי כ"ק רַבִּי יַעֲנְקֶעלֶע זי"ע הָאט דֶערְצֵיילְט (וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין מַאנְשֶׁעסְטֶער תשל"ח) אַז וֶוען דֶער צַאנְזֶער רַב זי"ע אִיז גֶעוָוארְן אוֹיפְגֶענוּמֶען אַלְס רַב אִין דֶער שְׁטָאט צַאנְז, אִיז עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין שְׁטָאט אִינְדֶערְפְרִי. דִי תַּלְמִידֵי חֲכָמִים פוּן שְׁטָאט וֶועלְכֶע הָאבְּן שוֹין גָאר שְׁטַארְק אוֹיסְגֶעוַוארְט אוֹיף דֶער אָנְקוּם פוּנֶם רַב, זֶענֶען גְלַייךְ אַרִיבֶּערְגֶעקוּמֶען צוּ אִים צוּ רֶעדְן אִין לֶערְנֶען. אַזוֹי זֶענֶען דִי שָׁעוֹת פוּן טָאג אַרִיבֶּער וֶוען עֶס קוּמֶען כְּסֵדֶר אַרַיין רַבָּנִים אוּן תַּלְמִידֵי חֲכָמִים צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט דֶער נַייעֶ רַב, בִּיז עֶס אִיז שוֹין גֶעוָוארְן אָוְונְט.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין שְׁטָאט צַאנְז אַ אִיד ר' יוֹסֵף רָאפֶּע. עֶר אִיז גֶעוֶועהן פוּן דִי עַסְקָנִים אוּן פוּן דִי בַּעֲלֵי בָּתִּים אִין שְׁטָאט. וֶוען דִי נַאכְט אִיז צוּגֶעפַאלְן הָאט ר' יוֹסֵף זִיךְ גֶעכַאפְּט אַז דֶער רַב אִיז דָאךְ אַ גַאנְצֶע טָאג גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען מִיט רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן, מִן הַסְּתָם הָאט עֶר נָאךְ גָארְנִישְׁט טוֹעֵם גֶעוֶועהן אַ גַאנְצְן טָאג. עֶר אִיז גְלַייךְ צוּגֶעלָאפְן צוּם שְׁטוּב פוּנֶם צַאנְזֶן רַב אוּן אִים גֶעבְּרֶענְגְט עֶפֶּעס אִיבֶּערְצוּבֵּייסְן. דֶער רַב הָאט זִיךְ מְחַיֶּ' גֶעוֶועהן מִיט דֶעם אוּן עֶס הָאט אִים צוּרוּקְגֶעבְּרֶענְגְט צוּ דִי כּוֹחוֹת וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין נָאךְ אַזַא פִילֶע, שְׁוֶוערֶע טָאג.

**דֶער** ר' יוֹסֵף רָאפֶּע אִיז נִפְטַר גֶעוָוארְן פַאר דֶער צַאנְזֶער רַב. אֵיין נַאכְט אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּם רַב אִין חֲלוֹם אוּן אִיבֶּערְגֶעזָאגְט אַ טִיפֶע חִדּוּשׁ וֶועלְכֶע גֶעלֶערְנְט גֶעוָוארְן אוֹיבְּן דוּרְךְ דִי פָּמַלְיָא שֶׁל מַעְלָה. דֶער צַאנְזֶער רַב הָאט זִיךְ גָאר שְׁטַארְק גֶעפְרֵיידְט צוּ הֶערְן דֶער חִדּוּשׁ וַוייל דָאס אִיז גֶעוֶועהן עֶפֶּעס וָואס עֶר אַלֵיין הָאט מְחַדֵּשׁ גֶעוֶועהן בֵּיי זַיין מִילְכִיגֶע שָׁבוּעוֹת סְעוּדָה אוּן דָא הָאט עֶר בַּאקוּמֶען אַ גְרוּס אַז עֶס אִיז אָנְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן אוֹיבְּן.

**ר'** יַעֲנְקֶעלֶע הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט בְּשֵׁם דֶער קַאלִישִׁיצֶער רַב זי"ע אַז דֶער מַעֲשֶׂה בְּרֶענְגְט אַרוֹיס אַ מוֹרָא'דִיגֶע לִמּוּד. ר' יוֹסֵף רָאפֶּע אִיז בְּחַיָּיו אִינְגַאנְצְן נִישְׁט גֶעוֶועהן קֵיין תַּלְמִיד חָכָם אוּן וָואלְט זִיכֶער נִישְׁט

---

**טו.** דער חיד"א שרייבט אזוי, אויך אין אן אנדערע פלאץ (מדבר קדמות מערכת מ אות לו) המחזיק תלמיד חכם אף אם הוא עם הארץ מלמדין אותו תורה בעולם הבא.

גֶעקֶענְט פַּארְשְׁטֵיין אָדֶער אִיבֶּערְזָאגְן אַזַא טִיפֶע גֶעדַאנְק. אָבֶּער עֶר אִיז יָא גֶעוֶועהן פַּארְנוּמֶען מִיט מְחַזֵּק זַיין תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, אַזוֹי וִוי מֶען הָאט גֶעזֶעהן בֵּיי דִי מַעֲשֶׂה מִיטְן צַאנְזֶער רָב, און דֶערְפַּאר הָאט עֶר אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט זוֹכֶה גֶעוֶועהן צוּ קֶענֶען הֶערְן און פַּארְשְׁטֵיין דִי תּוֹרָה פוּן דִי פָּמַלְיָא שֶׁל מַעְלָה אַלֵיין[טז].

**טז.** דער צאנזער רב זי"ע האט אמאל געזאגט אז עס זענען נאר דא צוויי מענטשען וואס פארשטייען זיינע תורה, דער קול אריה און דער מהר"ש ענגיל.